Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU
פינסקער ווארט, 23.02.1934, page 5

הרב זכרי׳ פישמאן

# צום אפפאר קיין ארץ־ישראל פון דעם ר״מ בישיבת פינסק

דעם קומענדן דאנערשטיק (פורים) פארט אפ קיין ארץ־ישראל אונזער באליבטער און באריםטער ר״מ בישיבתנו הרהגה״צ מוהר״ר יעקב ישראל קאניעווסקי שליט״א, דבעהמח״ס „שערי תבונה״ ועוד, וועלכער אמטירט צייט א ריי יארן ווי די ישיבה געפינט זיך אין פינסק אויפן ערהאבענעם פאסטן אלס ר״מ, וואס זיין אויפגאבע איז צו שאפן חדושי תורה אין ישיבה׳שן למוד.

זיין שפעציעלע עבודת הקודש אויפן געביט פון הרבצת התורה אין דער היגער ישיבה האט פיל עושה פירות געהאט און א רייכן ערפאלג גע־בראכט די היגע תלמידים, אינם קאלאסאלן אויפשוואונג פון חכמת התורה און ברייטקייט פון תלמוד. דאס אלעס איז אראנק אונזער חשובן באליבטן רבי׳ן, וואס חוץ זיין ענטהאלטן די זעלטענע אילוסטראציע פון די פערלדיקע הנהגות, וואס זענען געבויט על טהרת הקודש—אילוסטרירט ער אין זיך אויך זיין שטענדיקן, איבערגעגעבענעם וואך־זיין ביים תורה׳דיקן רודער־שיף און גרונטציוען מיט א ברייטן מאסשטאב אין די טיפענישן פון ים התלמיד, וועלכער ברייננט אויף די פיאלן־געדאנקען פון שארפזיניקע חדושי תורה, וואס ווערן געהערט מיט גרויס שפאנונג מצד די תלמידי הישיבה.

אשריכם יידישע באפעלקערונג אין „בני ברק״ בפרט און אין ארץ־ישראל בכלל שזכיתם לאדם גדול כזה. מיטן אנקומען פון דער פראכטפולער פערזענלעכקייט און גרויסער תורה־אויטאריטעט הי״ה ג׳ ר׳ יעקב־ישראל קאניעווסקי שליט״א קיין ארץ־ישראל —איז צו פארהאפן, אז מיט זיין איבע־ראלן און ענערגישן כח, וואס איז שטענדיק געווידמעט פאר הרבצת התורה והיהדות וועט אריינברייננען דעם ליכטיקן תורה־שטראל אין צוזא־מענהאנג מיט דער אויפלעבונג און אויפבוי פון אונזער הייליקן לאנד.

אין דעם נאמען פון ישיבה־פערסאנאל, תלמידי הישיבה און פון אלע אייערע טרייע באקאנטע—ווינטשן מיר אייך אונזער הייס־הארציקן ווונטש בברכה המשולשה: גליק און ערפאלג בחומר וברוח על הרי ציון וירושלים.

מיר מעלדן, אז ס׳וועט פארקו־מען זייער אימפאזאנט דער געזעגנונגס־אפשייד אינם טאג פון פורים (דאנער־שטיק) אינם ישיבה־בנין, ווי אויך אויפן וואקזאל.